**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/28/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעצן צו פארגרינגערן ביציקליסטן און פיסגייער צוטריט ביי MTA בריקן און פאסאנזשירט סטאנציעס**

***געזעץ S.4943B/A.6235 פארלאנגט פון די MTA צו אנטוויקלען א פלאן צו פארמערן ביציקליסטן און פיסגייער צוטריט אויף בריקן און פאסאנזשיר סטאנציעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן געזעץ S.4943B/A.6235 וועלכע פאדערט פון די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) צו אנטוויקלען א סטראטעגישע פלאן וויאזוי צו פארמערן ביציקליסטן און פיסגייער צוטריט אויף אירע בריקן און פאסאנזשיר סטאנציעס, און עס פאדערט פון די MTA צו נעמען אין באטראכט די צוטריט פון ביציקליסטן און פיסגייער אין אירע צוקונפטיגע פלאנירונג.

"פובליק טראנספארטאציע אין ניו יארק דארף זיין פריינטליך, זיכער און צוגענגליך פאר ביציקליסטן און פיסגייער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו אונטערשרייבן א געזעץ וואס וועט פארברייטערן צוטריט צו פובליק טראנספארטאציע, נישט קיין חילוק וויאזוי איר באשליסט זיך צו באוועגן. דער נייער געזעץ וועט מאכן די MTA מער פריינטליך פאר פיסגייער און ביציקליסטן — א גרויסע טריט אינעם פארבעסערן אונזער טראנספארטאציע סיסטעם."

געזעץ S.4943B/A.6235 פאדערט פון די MTA צו מאכן די פלאן צו ערמוטיגן ביציקליסטן און פיסגייער צוטריט אויף MTA בריקן, ביציקל פארקירונג בי MTA סאָבוועי און לאנג שטרעקיגע באן סטאנציעס און ביציקל צוטריט אויף MTA באנען. אונטער דעם געזעץ וועלן די לאנג איילענד באן רעלסן רייזנדע קאונסיל (Long Island Rail Road Commuter's Council), די מעטראָ-נאָרט באן רייזנדע קאונסיל (Metro-North Rail Commuter's Council) און די ניו יארק סיטי טראנספארטאציע אויטאריטעט קאונסיל (New York City Transit Authority Council) שטודירן ביציקליסטן און פיסגייער צוטריט און מאכן רעקאמענדאציעס צו די MTA אין פארבינדונג דערמיט.

**סענאטארשע אלעסאַנדרא ביעדזשי האט געזאגט,** "היינט טוט ניו יארק סטעיט אונטערנעמען א היסטארישע טריט צו אנטוויקלען ריינערע און מער צוגענגליכע פארעמעס פון טראנספארטאציע פאר רייזנדע ארום גאנץ ניו יארק סיטי. די MTA ביציקל צוטריט געזעץ וועט סוף כל סוף פארבינדן אלע פינף באָראָס מיט זיכערע ביציקל ליניעס אויף MTA בריקן און עס וועט פארגרינגערן צו פארן מיט א ביציקל אין יעדע ווינקל פון די סיטי, אריינרעכענענדיג דא אין די בראנקס. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם געזעץ און לייגן פאר א פריאריטעט דאס פארברייטערונג פון ביציקל צוגענגליכקייט אין ניו יארק סטעיט. די געווינס וואלט נישט מעגליך געווען אן די איבערגעגעבנקייט און שותפות פון אסעמבלי מיטגלידערין דזשעסיקע גאנזאלעז-ראָהאַס און די עקשנות'דיגע שתלנות פון ביציקל שתדלנים, אריינרעכענענדיג Bike New York (בייק ניו יארק) און StreetsPAC."

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשעסיקע גאנזאלעז-ראָוהאַס האט געזאגט,** "דורכאויס די הויכפונקט פון די פאנדעמיע האבן מיר געזעהן אן אויפשטייג אין ביציקליסן פון 33% וואס מיינט אז כמעט א מיליאן ניו יארקער פארן מיט ביציקלעך. פארמערן צוטריט פאר פיסגייער און ביציקליסטן אויף MTA בריקן איז גוט פאר פובליק געזונטהייט און גוט פאר די ענווייראמענט. אויב ניו יארק גייט זיך ערהוילן אויף א גוטע פארנעם, מוזן מיר ברענגען די שטימעס פון ביציקליסטן צום טיש ווען צוקונפטיגע פלענער ווערן געמאכט דורך די MTA. איך וויל באדאנקען סענאטארשע ביעדזשי פארן ארבעטן מיט מיר אויף דעם געזעץ און גאווערנער האקול פארן עס אונטערשרייבן. און מערסטנס וויכטיג וויל איך באדאנקען Bike New York, Streets PAC, Transportation Alternatives (טראנספארטאציע אלטערנאטיוון) און אלע שתדלנים וועלכע זעהען איין אז אדרעסירן די אויפשטייגן אין ביציקליסטן אין ניו יארק איז טייל פון וויאזוי מיר בויען צוריק בעסער פון בעפאר."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן